**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/27/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט קאנסטרוקציע פון "CROW'S NEST" פראיעקט ביי ניאגרא פאָלס סטעיט פארק

***פראיעקט צו פארלענגערן די וועג צו אנקומען צופיס פון אונטערשטע טאל ביז אויבערשטע Prospect Point***

***טייל פון גאווערנער האקול'ס זומער קעמפ צו העלפן קינדער און פאמיליעס "אוועקגיין פון די סקרין, ארויסגיין אינדרויסן"***

***געמאלענע דעזיין פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז קאנסטרוקציע איז פלאנירט צו אנגעהויבן ווערן אויף די פארלענגערונג פון די "Crow's Nest" ביי ניאגרא פאָלס סטעיט פארק. דער איבערבייטערונג פראיעקט רעכנט אריין די קאנסטרוקציע פון נייע טרעפ און א סטרוקטור פון וואו צו ארויסקוקן וועלכע וועט פארבינדן די עקזיסטירנדע 'Crow's Nest' טעראסע און טרעפ ביז די אויבערשטע Prospect Point ביי ניאגרא פאָלס סטעיט פארק, גיבנדיג א נייע קוק ווינקל אויף די וואסערפאלן פון די נאענט. די היינטיגע אנאנסירונג בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס זומער קעמפ צו העלפן קינדער און פאמיליעס "[אוועקגיין פון די סקרין, ארויסגיין אינדרויסן]()" (Get Offline, Get Outside).

"ניאגרא פאָלס סטעיט פארק איז די בעסטע פלאץ צו ארויסגיין אינדרויסן, אוועק פון די סקרינס, און געניסן פון נאטור", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער פראיעקט וועט גיבן נאך א געלעגנהייט פאר ניו יארקער צו אראפלייגן זייערע טעלעפאנען און אויסנוצן אלע הערליכע נאטורליכע אוצרות וואס אונזער סטעיט האט צו אפפערן."

די "Crow's Nest" איז א שטיק פון טרעפ וואס גייען ארויף אויף די זייט פון די אמעריקאנע וואסערפאלן, ערלויבנדיג באזיכער צו ארויפקריכן האלב ביז אויבן און שטיין אויף די זייט פון די וואסערפאלן צו באקומען אן אטעם-פארכאפנדע בליק אויף די וואסערפאלן, אבער דערנאך פארלאנגט דאס אז באזיכער זאלן צוריק אראפגיין אונטן אין די טאל און זיך צוריקקערן צו די אויבערשטע שטאק דורך די Maid of the Mist עלעוועיטארס. איינמאל עס וועט זיין פארטיג, וועט דער פראיעקט גיבן פאר באזיכער א נייע אפציע צו באקומען די איבערלעבעניש פון די טאל וואו די ניאגרא וואסערן פליסן, און עס וועט פארלייכטערן די געדרענג פון פיסגייער אין די נידעריגערע שטאק ביי די טאל דורכאויס די פארנומענע סעזאן, ווען די איינציגסטע וועג צו ארויסגיין איז דורך די עלעוועיטאר אינוויייניג אין די אבזערוואציע טורעם. די טרעפ וועלן זיין אפן נאר פאר מענטשן וואס גייען ארויף צו ארויסגיין פון די אונטערשטע טאל דורכאויס די פארנומענע סעזאן, און אין געוויסע אנדערע צייטן וועט דאס ערלויבן צוטריט פון ביידע זייטן צו די טעראסע פון וואו צו אנקוקן די וואסערפאלן.

ארבעט וועט זיך אנהויבן אין אנהויב פון סעפטעמבער און זיין פארטיג פאר די 2026 סעזאן. דער 9 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט ווערט פינאנצירט דורך אינוועסטירונג געלטער פון די סטעיט פארקס אפיס, פון The Maid of the Mist Corporation, The Niagara River Greenway און פון די פעדעראלע לאנד און וואסער אפהיטונג קאסע (Land and Water Conservation Fund).

**ניו יארק סטעיט פארקס אפיס צייטווייליגער קאמישאנער, רענדי סימאנס, האט געזאגט,** "דער פראיעקט איז א געוואלדיגעביישפיל פון די וועגן אין וועלכע מיר ארבעטן צו בארייכערן די איבערלעבעניש פון אונזערע באזיכער אין אונזער סטעיט פארקס. אין די יעצטיגע ביישפיל, וועלן די טרעפ גיבן פארוויילונג געלעגנהייטן דורכן אויסברייטערן צוטריט צו די נידעריגערע טייל פון די טאל און צו ניאגרא פאָלס, אן אלטערנאטיוו צו דארפן נוצן די עלעוועיטאר, און די טעראסע וואס לאזט ארויסקוקן וועט ערלויבן מענטשן צו באקומען די איבערלעבעניש פון די וואסערפאלן פון א גאר נאענטע און אומפארגלייכליכע קוק ווינקל. מיר זענען דאנקבאר פאר אלע אונזערע שותפים וועלכע האבן בייגעשטייערט צו דעם פראיעקט."

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט פארזיצער און מערב ניו יארק איינוואוינער, דזשאן ר. קאולמעל, האט געזאגט,** "די נייע קאנסטרוקציע וועט פארבינדן די Crow's Nest סטרוקטור צו Prospect Point אין די ניאגרא פאָלס סטעיט פארק, מאכנדיג דאס גרינגער פאר באזיכער צו אריינגעמען די אטעם-פארכאפנדע בליקן פון די ניאגרא פאָלס. אונזער שטיצע פאר דעם פראיעקט שפיגלט אפ די פאווער אויטאריטעט'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו די קאמיוניטי ארום דעם ניאגרא פאַווער פראיעקט."

**קאנגרעסמאן טים קענעדי האט געזאגט,** "אונזער ראיאן איז באררייכערט דורכן האבן איינס פון די נאטורליכע וואונדערס פון די וועלט אין אונזער אייגענע הונטערשטע הויף. דער פראיעקט וועט פארבעסערן צוטריט מיט אפילו מער אטעם-פארכאפנדע בליקן אויף ניאגרא פאָלס און גיבן א נייע וועג פאר איינוואוינער און טוריסטן צו אריינעמען די נאטור און געניסן פון די געוואלדיגע דרויסנדיגע לופט מיט פריינט און פאמיליע."

**סטעיט סענאטאר ראַב אָרט האט געזאגט,** "איך בין שטענדיג שטאלץ צו שטיצן פראיעקטן וואס באררייכערן די דיאמאנט אויפן קרוין פון די ניו יארק סטעיט פארקס סיסטעם. דאס שאפן גרינגערע וועגן ביי איינס פון די מערסט פאפולערע דעסטינאציעס ביי ניאגרא פאָלס סטעיט פארק וואלט שוין פון לאנג געדארפט געטוהן ווערן, און ביים ענדע, וועט דאס ברענגען בעסערע באזוכער ערפארונגען פאר געסט פון ארום די וועלט."

**אסעמבלי מיטגליד ענדזשעלאָו מארינעלאָו האט געזאגט,** "א דאנק גאווערנער האקול און אלע די שותפים וועלכע זענען פאר צו צולייגן צו אונזער ערשט-קלאסיגע אטראקציע, ניאגרא פאָלס און די ניאגרא טאל. די פארענדיגונג פון די Crow's Nest און די צוגעקומענע צוטריט צו די טאל פארבעסערט די אלגעמיינע ניאגרא פאָלס איבערלעבעניש פאר לאקאלע איינוואוינער און טוריסטן צוגלייך."

**ניאגרא פאָלס מעיאר ראבערט רעסטאינאָו האט געזאגט,** "די צוגאב צו די סטעיט פארק איבערלעבעניש וועט גיבן נאך מער אטעם-פארכאפנדע צוטריט צו אונזערע ניאגרא פאָלס. די "Crow's Nest" פארלענגערונג וועט גיבן פאר איינוואוינער און באזיכער אן אומפארגלייכליכע געלעגנהייט צו געניסן פון די שיינקייט און מאיאסטעט פון אונזער נאטורליכע וואונדער. מיר זענען דאנקבאר פאר די אינוועסטירונג, און מיר קוקן ארויס צו זעהן די פארענדיגונג דערפון."

**Maid of the Mist פרעזידענט, קריסטאפער מ. גלין, האט געזאגט,** "מיר גלויבן אז אונזערע 1.7 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין דעם שעפערישן פראיעקט וועט נארך מער באררייכערן די Maid of the Mist ערפארונג. ווען די פארלענגערונג וועט זיין פארטיג, וועט דאס פארשנעלערן די וועג פאר מענטשן וואס גייען ארויף אויבן צו Prospect Point, פארלייכטערנדיג טייל פון די געדרענג ביי די

אבזערוואציע טורעם עלעוועיטארס דורכאויס אונזערע פארנומענסטע צייטן, ווי אויף די סוף וואכן פון מעמאריעל דעי און די יולי דעם פערטן."

גאווערנער האקול'ס "אוועקגיין פון די סקרין, ארויסגיין אינדרויסן" קאמפיין בויט ארויף אויף אירע באמיאונגען צו שטיצן א געזונטע לעבנס שטייגער צווישן יונגע מענטשן און פאמיליעס אריבער ניו יארק. גאווערנער האקול האט לעצטנס אונטערגעשריבן לאנד'ס-פירנדע געזעצן – דער אפשטעלן אדיקטיווע אינהאלט אויסנוצונג (Stop Addictive Feeds Exploitation, SAFE) פאר קינדער געזעץ און דער ניו יארקע קינדער אינפארמאציע באשיצונג געזעץ (New York Child Data Protection Act) – צו באשיצן קינדער פון אדיקטיווע סאָושעל מידיע אינהאלט און האלטן זייער פערזענליכע אינפארמאציע באשיצט פון אנליין פלאטפארמעס. לערנט מער איבער גאווערנער האקול'ס "אוועקגיין פון די סקרין, ארויסגיין אינדרויסן" קאמפיין אויף https://www.governor.ny.gov/programs/get-offline-get-outside.

דער ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג טוט אויפזען מער ווי 250 פארקס, היסטארישע ערטער, פארוויילונגס וועגלעך, גאלף קורסן, שיף ארויספאר פונקטן, און נאך, וועלכע האט געזען א רעקארד 79.5 מיליאן באזוכן אין 2022. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט www.parks.ny.gov, דאַונלאָודט די אומזיסטע NY State Parks Explorer טעלעפאן עפּ אדער רופט 518.474.0456: שליסט זיך אן מיט אונז ביים פייערן אונזער הונדערטסטע יארטאג דורכאויס 2024, און פארבינדט אייך מיט אונז אויף Facebook, Instagram, Twitter און אויף די OPRHP 'בלאָג'.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן